הדלקת הנרות ערב יו"ט
6:05
הדלקת הנרות ערב שב"ק
6:02
זמן מוצאי שב"ק: 7:28
עירוב תבשילין

בעזהשי"ת
# קינדערגארטן ווינקל
ארויסגעגעבן דורך:
סאטמאר קינדערגארטן - וויליאמסבורג

חג הסוכות
זמן שמחתינו
שנה ד' - גליון ק"ל
ערב סוכות תשע"ב


## די "קינדערגארטן ווינקל" וואונטשט פאר אלע קינדער און עלטערן א גוטן פרייליכן יום טוב און א גוט קוויטל

## פארווארט

### הודו לד' כי טוב!

ברוב שבח והודי' דאנקען מיר השי"ת אויף די אלע חסדים המרובים, עס איז ב"ה אדורך נאך א יאהר מיט סייעתא דשמיא און אנגעהויבן דעם זעקסטן יאר צו גוטן בעז"ה.

דאס יאר תשע"א איז באמת געווען א יאר וואס וועט בלייבן צו געדענקען. די קינדער ב"ה האבן אסאך אינטערעסאנטע זאכן געלערנט. מען האט שיין פארברענגט אין א רוחניות'דיגע אטמאספערע א יעדן איינציגן טאג, אינהאלטס'רייכע לימודים מיט פאסיגע אקטיוויטעטן אלעס ב"ה אהער געשטעלט לתועלת התלמידים ווי עס איז איבערגעגעבן געווארן פאר די תלמידים אויף א מייסטערהאפטיגן וועג אויף אן אופן וואס גיבט אריין פאר די קינדערלעך א שטארקן חשק און ליבשאפט צום חדר ב"ה. דורך די ערפארענע איבערגעגעבענע מלמדים וואס גיבן זיך שטארק אפ מיט א יעדן קינד פערזענליך.

השי"ת זאל אונז ווייטער העלפן מיט שטענדיגע סייעתא דשמיא און אלע עלטערן זאלן שטענדיג זעהן אסאך נחת פון אלע קינדער עמו"ש גרינגערהייט מיט א פרייליכן געמיט און מיר זאלן אלע האבן א זיס יאר א לעכטיגן מיט א גוט קוויטל.
אכי"ר

## די שיינע "נוי סוכה" פון די קינדער

**נויירסערי**

מיר האבן אזוי שיין ארויף געקלעיבט די העלצ'עלעך פאר די סוכה'לע דערנאך געלייגט שיין די סכך און אויך שיין באצירט די ווענט מיט סטיקער'ס, מיר קענען שוין קוים ווארטן צו זעהן ווי אונזער ארבייט וועט באצירן אונזער סוכה.

**פרי קינדערגארטן**

מיר האבן אזוי הערליך באצירט א קליינע סוכה'לע מיר האבן צוזאם געשטעלט די סכך, דערנאך געדעקט דעם טיש ביז עס האט זיך צוזאם געשטעלט מיין הערליכע ארבייט.

**קינדערגארטן**

מיין רבי פארציילט אונז אזוי שיין פון די שלש רגלים די דריי ימים טובים וואס די אידן פלעגן ארויף גיין קיין ירושלים עולה רגל זיין. דעריבער האבן מיר צוזאם געשטעלט א געביידע פון פסח, שבועות, סוכות, די דריי ימים טובים מיר האבן אלעס געמאכט קודם באזונדער, דערנאך האבן מיר דאס שיין צוזאם געשטעלט פאר א הערליכע "נוי סוכה" שטיקל. מיר קענען שוין קוים ווארטן צו זעהן ווי דאס טוט באלייכטן און באצירן אונזער סוכה לכבוד יום טוב.

**התודה והברכה**

מיר ווילן זיך טאקע יעצט באדאנקען פאר האברך היקר הרבני הנגיד **ר' יואל ברד"ש גאלדבערגער הי"ו** פארן מנדב זיין די באקסעס ווי מיר האבן דאס אזוי שיין איינגעפאקט און אהיים געטראגן צו אונזערע עלטערן זיי צו דערפרייען.
תשוח"ח לו.

## אסרו חג סוכות תשע"ב

אי"ה זונטאג פ' נח אסרו חג סוכות קומט מען אין חדר צוויי שעה שפעטער ווי יעדן טאג, ד.מ. 11:20 ביים ערשטן סטאפ.

אלע קינדער קומען צוריק צו זייערע מלמדים אזוי ווי פאר יום טוב,

די קינדערגארטן כיתות וועלן אי"ה אריבערגיין צו כיתה א' אי"ה מאנטאג פ' נח, און אי"ה דינסטאג וועלן די נויירסערי און די פרי קינדערגארטן ארויף גיין צו די נייע מלמדים.

## חג הסוכות

### די סגולות פון די סוכה

יעדער וואס זיצט אין די סוכה ווערט געבענטשט מיט ברכות פון השי"ת.
(זוהר הקדוש)

אין ספר הק' תפארת שלמה שטייט אז די מצוה פון סוכה איז א סגולה אז מ'זאל **זוכה זיין צו קינדער**.

אין ספה"ק **צבי לצדיק** שטייט לויט ווי מיר ווייסן אז די מצוה פון שילוח הקן איז א סגולה צו האבן קינדער, די מצוה פון **סוכה** איז על פי קבלה די זעלבע סוד ווי מצות **שילוח הקן**, דעריבער איז איך די מצוה פון סוכה מסוגל צו האבן קינדער

אין ספה"ק מדבר קדש (ליקוטים פונעם שר שלום מ'בעלזא) שטייט אז דער וואס זיצט אין די סוכה "**לשם שמים**" איז ער זוכה צו **לעבן לאנג**, און טאקע דעריבער שטייט אז דורך די מצוה פון סוכה איז מען זוכה צו זיצן אין די סוכה פון לויתן בב"א, וואס דאס איז די ריכטיגע און **אייביגע לעבן**.

ווען א קינד ווערט געבוירען, טוהט מען איהם גוט איינפאקען אין ווארימע קליידער, אז עס זאל נישט שאטען פאר איהם די טווישונג פון די לופט. אזוי אויך אין יום כיפור איז אונז דער אייבערשטער מוחל אויף אונזערע עבירות, און מיר ווערן אזוי ווי נייע געבוירען. דערפאר באשיצט אונז דער אייבערשטער מיט די סוכה, אז מיר זאלן נישט פיהלן די טווישונג פון קודש צו חול.
(ר' דוד לעלובער זי"ע)





## א סוכה'לע א קליינע...

ביי אונז אין קינדערגארטן האט מען אויפגעשטעלט ביי עטליכע חדרים פארשידענע ערליי סוכה'לעך. די רבי'ס מיט די קינדער צוזאמען האבן דאס אהער געשטעלט און פראבירט ארייצוליגן דערין העדליכע נוי סוכה פון חדר אין די קליינע סוכה'לעך. מיר קענען שוין קוים ווארטן אויף דעם ליכטיגן הייליגן יום טוב ווי מיר וועלן זיצן אין די סוכה מיט א שמחה של מצוה זיך צו קוקן אונזער שיינע נוי סוכה וואס מיינע הענטעלעך האבן אזוי שיין צוזאם געשטעלט

## כל הנערים

אויך האט מען געמאכט אין חדר א גרויסע "כל הנערים" מיט א טלית ווי אלע רבי'ס מיט די קינדער האבן צוזאמען געזאגט "ברכו" מיט "המלאך הגואל" דערנאך האט איין רבי געטאנצן די הקפות מיט א תורה'לע פיין לעבעדיג, מיר קענען שוין קוים ווארטן אויף דעם הייליגן יו"ט.!...





## על נטילת לולב...

דעם מאנטאג רופט אויס דער מנהל אז עס איז דא אין אפיס א סעט פון ד' מינים ווי אלע רבי'ס זענען געקומען נעמען דעם לולב און אתרוג הדסים מיט ערבות מיר האבן זיך צוגעקוקט ווי אזוי מען שאקעלט דעם לולב מיטן אתרוג. אויך האבן מיר אליינס געקענט דאס שאקלען, אבער מיין רבי האט אונז געזאגט אז די טאטעס אתרוג און לולב טאר מען נישט צורירן נאר מיט רשות פון טאטן.

## חכמה'לע'ך

**וועז יודא לייב** האט געזעהן די האניג טארט וואס זיין מאמע האט געבאקן האט ער געפרעגט צו דאס איז פאר ראש כיפור?...

**מרדכי'לע** האט נאך יום כיפור פארציילט פאר זיין רבי אז ער ווייסט ווי אזוי מען פאסט אוים: מען קוקט אויף די לבנה...

**וועז שמואל'ס** מאמע האט איהם געפרעגט צו ער האט ביי תשליך אריינגעווארפן די עבירות און אפגעשאקלט זיין הויזן? האט ער געזאגט ניין! מיין הויזן איז נישט געווען שמוציג...

**משה** איז אהיים געקומען פון חדר זייער פריילך שלש עשרה מידות און געזאגט אז מען טאר מער נישט עסן קיין ברויט ווייל זיין רבי האט געזאגט אז דאס איז עבירות און מען האט דאס אריין געווארפן אין וואסער ביי תשליך...

**מאיר יודא'לע** האט געזאגט אז ער ווייסט פארוואס מען זאגט "א גוט קוויטל": ווייל מען טוט אן א ווייסע קיטל...

**שמואלי** האט זיך אפגערעדט אז זיין רבי האט אים נישט געגעבן קיין עבירות ארייצוווארפן ביי תשליך...

**וועז אליעזר'ס** טאטע האט אנגעטוהן זיין קיטל יום הקדוש פארנאכט פארן גיין אין שוהל האט ער געפרעגט זיין טאטע: "אזוי גייסטו גיין אין שוהל" ? קוקסט אוים אזוי אנדערש "יעדער גייט דיך אנקוקן אין שוהל"...

## מזל טוב ווינטשער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שמעון ב"ר יואל אפפעל נ"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ברוך הורוויץ און ר' יואל לעבאוויטש

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שלמה ב"ר יואל גליק נ"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' לעווי און ר' וואלף בער שווארץ

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יששכר דוב ב"ר יהודא הויימאנן נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ר' בנימין כהן און ר' ירמי' לעווי

ברכת מזל טוב פאר הילד
**חיים הערש ב"ר מענדל בער פאוועל נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע נעפיו
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יושע מאיר ווייזער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שמואל ב"ר יואל משה יאקאבאוויטש נ"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ברוך הורוויץ און ר' יואל לעבאוויטש

ברכת מזל טוב פאר הילד
**דוד ב"ר שלום הורוויץ נ"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' לעווי און ר' וואלף בער שווארץ

ברכת מזל טוב פאר הילד
**ישראל אהרן ב"ר יואל טייכמאן נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל כ"ץ און ר' יואל הערש שפיצער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**יחזקאל ב"ר יואל גלאנץ נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ר' בנימין כהן און ר' ירמי' לעווי

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם שלמה בן הרה"ג ר' דוד הירש נ"ו**
לכבוד זיין אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ברוך הורוויץ און ר' יואל לעבאוויטש

ברכת מזל טוב פאר הילד
**וואלווי ב"ר פנחס אליעזר פריעד נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל כ"ץ און ר' יואל הערש שפיצער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**משה ב"ר יואל טעללער נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל כ"ץ און ר' יואל הערש שפיצער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**חיים הערש בן הרב אהרן טייטלבוים נ"ו**
לכבוד זיין ברודערס בר מצוה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' ירמי' פאגעל און ר' שמואל ברוך קאהן

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם יודא ארי' ב"ר שמעון משה ניישטיין נ"ו**
לכבוד זיין פעטער איז געווארן א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' דוד שמואל גאלדבערגער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**אברהם שלמה ב"ר שלמה פנחס פריעדמאן נ"ו**
לכבוד די געבורט פון זיין נייע ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יעקב מאיר סרוגא און ר' סנדר מילער

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שבתי ב"ר יואל טייכמאן נ"ו**
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' אברהם ג'ברא

ברכת מזל טוב פאר הילד
**שמחה ב"ר יואל אפפעל נ"ו**
לכבוד זיין ברודערס אפשערין
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען
ביי ר' יואל צוויבל